


אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.

פרשת נח תשפ"ד • זרע שמשון - א לימוד וואס איז משפיע ישועות • גליון 334

## אמרות שמשון

### אנשי דור המבול האבן זיך נישט געלערנט פון נח • א טענה אויף נח פארוואס ער האט נישט מתפלל געווען אויפן דור • דער וואס קען טון און טוט נישט, ווערט פאראנטווארטליך איבער דעם

***אֵלֶּה תּוֹלְדֹת נֹחַ נֹחַ אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה בְּדֹרֹתָיו אֶת הָאֱלֹקִים הִתְהַלֶּךְ נֹחַ* (ו, ט):** עס ווערט געברענגט אין מדרש (בראשית רבה ל, ז), **כל ק"כ שנה היה** (נח) **נוטע ארזים ומקצצן, ואמרין ליה** (האנשים) **למה כדין? אמר להון, כך אמר מרי דעלמא דהוא מייתי מבולא על עלמא. אמרו, אי אתי מבולא לא אתי אלא על ביתא דהאי גברא.**

**פאר** גאנצע הונדערט און צוואנציג יאר האט נח איינגעפלאנצט טענען ביימער און זיי געשניטן און געמאכט דערפון העלצער. די מענטשן ארום האבן אים געפרעגט מיט וואונדער: 'פארוואס טוסטו דאס?'

**האט** נח געענטפערט: 'אזוי האט מיר באפוילן דער הער פון די וועלט, וויבאלד ער גייט ברענגען א מבול וואס וועט פארשווענקען די גאנצע וועלט'. (דעריבער בוי איך א תיבה מיט די האלץ צו געראטעוועט ווערן).

**האבן** די מענטשן צוריק געענטפערט פאר נח מיט שפאס: 'אויב וועט קומען א מבול אויף די וועלט, וועט עס נאר קומען אויפן דיין הויז'.

**די** 'מפרשים' שטעלן זיך אויפן אויבנדערמאנטן מדרש, ווי אזוי קען זיין אז די אנשי דור המבול זאלן אפשלאגן די רייד פון נח מיט אזא לייכטזיניגקייט? זיי האבן דאך גאנץ גוט געוואוסט זייערע נידריגע צושטאנד ווי זיי האלטן מיט זייערע חטאים און.

**הויפטזעכליך** האבן זיי אויך געוואוסט אז נח איז דער צדיק וואס דינט דער אויבערשטער און טוט נישט קיין זינד, אויב אזוי פארוואס דרייען זיי דאס אלץ אויף נח זאגנדיג: 'אויב קומט א מבול וועט עס קומען נאר אויף דיר און נישט אויף די גאנצע וועלט'?

**מען** קען ערקלערן דעם מדרש לויט ווי עס שטייט אין 'זוהר הקדוש' (דף פ"ז ע"ב), עס איז געווען א טענה אויף נח איבער דעם וואס ער האט נישט מתפלל געווען אויף זיין דור, אז זאל תשובה טוהן אויף זייערע זינד. און עס איז פארערכנט ווי נח האט געזינדיגט מיט דעם וואס ער האט נישט מתפלל געווען צו צושטערן די גזירה פונעם מבול.

**מיט** דעם קען מען פארשטיין, די 'אנשי דור המבול' האבן געהאלטן אז נח איז פארפליכטעט צו מתפלל זיין אויפן דור און זיך זארגן פאר זייער וואוילזיין אז זיי זאלן זיך צוריק קערן צום ריכטיגן וועג.

**און** וויבאלד נח איז נישט מתפלל אויפן דור. נאר טוט דאס פארקערטע, ער איז פארנומען צו בויען א תיבה זיך צו פארזיכערן איבער דעם בעפארשטייענדן מבול. דעריבער האבן זיי געזאגט, נח איז פאראנטווארטליך איבער דער מבול וואס קומט אויף די וועלט, צוליב דעם וועט דער מבול קומען נאר אויף נח און די גאנצע וועלט וועט געראטעוועט ווערן. (פרשתינו אות ב')

### דער אויבערשטער זעלבסט גייט ראטעווען אברהם אבינו • טענה פון מלאכים אויף אברהם אבינו • אברהם וואלט זיך נישט געדארפט מוסר נפש זיין

***וַיָּמָת הָרָן עַל פְּנֵי תֶּרַח אָבִיו בְּאֶרֶץ מוֹלַדְתּוֹ בְּאוּר כַּשְׂדִּים* (יא, כז):** עס שטייט אין חז"ל (פסחים קיח.), ווען נמרוד הרשע האט אריינגעווארפן אברהם אבינו אינעם קאלעך אויוון, האט 'מלאך גבריאל' זיך אנגעטראגן צו אראפגיין אפקילן דאס פייער און ראטעווען אברהם אבינו.

**האט** דער אויבערשטער געענטפערט: **'אני יחיד בעולמי והוא יחיד בעולמו, נאה ליחיד להציל את היחיד'**. איך בין דער איינציגסטער הער אויפן וועלט, און אברהם אבינו איז דער איינציגסטער מיט אמונה אויף די וועלט. דעריבער פאסט זיך אז איך - כביכול - זאל זעלבסט אראפגיין ראטעווען אברהם אבינו.

**די** גמרא לייגט צו, וויבאלד די אויבערשטער שוינט נישט דאס מינדעסטע שכר פון קיין שום באשעפעניש, דעריבער האט דער אויבערשטער באצאלט 'מלאך גבריאל' אז ער וועט האבן די זכות צו גיין ראטעווען 'חנניה מישאל ועזריה' פון פייער.

♦ ♦ ♦

**מיר** געפונען אין חז"ל (פסחים קיח.), ווען 'חנניה מישאל ועזריה' זענען אריינגעווארפן געווארן אין פייער, האט זיך דער מלאך פון 'ברד' געוואנדן צום באשעפער אז ער זאל אראפגיין קאלט מאכן די פייער און ראטעווען די צדיקים.

**שטעלט** זיך דער פראגע, פארוואס האט דער מלאך פון 'ברד' נישט געבעטן דאס זעלבע ווען 'אברהם אבינו' איז אריינגעווארפן געווארן אינעם קאלך אויוון, אזוי ווי ער האט געבעהטן ביי 'חנניה מישאל ועזריה'?

**איך** דארף מען פארשטיין פשט אין דאס ענטפער וואס דער אויבערשטער האט געענטפערט פאר מלאך גבריאל **'אני יחיד בעולמי וכו'**'.



לומדים זרע שמשון
הלימוד לזכות והצלת
כל אחינו בני ישראל
יושבי ארץ ישראל
העומדים בצרה ובשביה.
המקום ירחם עליהם
ויוציאם מצרה לרווחה
ומאפילה לאורה
ולגאולה קרובה.

• הוצאת הגליון והפצתו לזכות •

לברכה ולהצלחה
צבי יצחק דוב בן גיטל חיה
וזוג' מרים סאבל בת אסתר
ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר
שיזכו לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל העניינים

לברכה ולהצלחה
דניאל אודי
בן דג'ינה מלכה
שיזכה לברכה והצלחה סייעתא דשמיא בלי גבול ומדה
בקרוב ממש ופרצת ימה וקדמה צפונה ונגבה

ניתן לתרום מעות יזכור
לכבוד נשמת רבינו
ארץ ישראל 02-80-80-500
05271-66450
ארה"ב 347-496-5657

לעילוי נשמת
הרה"ח מוה"ר אריה יהודה בהר"ר אליעזר ז"ל
נלב"ע ו' חשון תשנ"ח ת.נ.צ.ב.ה.
הונצח ע"י בנו הרה"ג רבי נפתלי בנימין פאשקעס שליט"א
וחתנו הרה"ח רבי משה אוירבאך שליט"א ומשפחתם הי"ו

תרומות למען הפצת תורת זרע שמשון 02-80-80-500 * 347-496-5657 אלפים נושעו בהבטחת הרבי מאשון

**מען** קען דאס פארענטפערן, לויט ווי עס ווערט געברענגט אין ספר 'פרשת דרכים' (סוף דרוש ב' דף ח'), די 'מלאכים' האבן געהאלטן וויבאלד אברהם אבינו האט דאן געהאט א דין פון א 'בן נח', דעריבער האט ער נישט געהאט קיין רעכט זיך צו מוסר נפש זיין אויף קידוש ה', דערפאר האבן זיי נישט אנגעבאטן צו גיין ראטעווען אברהם אבינו פון קאלעך אויוון.

**דאקעגן** 'אברהם אבינו' האט געהאלטן ער האט א רעכט צו מחמיר זיין אויף זיך, אזוי ווי מען געפונט אין 'שולחן ערוך' (יו"ד סימן קנ"ז סעיף א'), א איד האט א רעכט זיך צו מוסר נפש זיין באהאלטענערהייט אפילו אויף זאכן וואס אין אלגעמיין איז מען נישט מחויב זיך צו מוסר נפש זיין, כדי צו מקדש זיין דער נאמען פונעם אויבערשטן.

✦ ✦ ✦

**מיט** דעם פארשטייט מען פארוואס דער אויבערשטער זעלבסט האט געוואלט אראפ גיין ראטעווען אברהם אבינו, זאגנדיג **'אני יחיד בעולמי וכו'**'. וויבאלד אברהם אבינו וואלט זיך געקענט ארויסדרייען און צווייפלן צו ער איז מחויב זיך צו מוסר נפש זיין, וויבאלד ער איז געווען א בן נח.

**אבער** אברהם אבינו האט נישט געקימערט אויף גארנישט נאר זיך אריינגעווארפן אין פייער, וויבאלד ער האט געוואלט דערמיט פארשפרייטן און דערהייבן דער נאמען פון גאט, אין די צייט וואס קיינער ווייסט נישט און קיינער דערקענט נישט אינעם באשעפער נאר ער, [אויב וואלט יא געווען אנדערע וואס וואלטן אנערקענט אין דעם אויבערשטן וואלט אברהם אבינו מעגליך נישט אריין אין דעם ספק זיך צו מוסר נפש זיין].

**דעריבער** האט דער אויבערשטער געזאגט אז עס פאסט זיך אז איך זאל - כביכול - אליינס אראפקומען צו ראטעווען, דער איינציגסטער אויפן וועלט וואס קען מיר און מיין אמונה. (פרשתינו אות ט')

## גבורת שמשון

### סיפורי ישועה

**עס פארציילט מר. חיים לוין הי"ו פון צפון ארץ ישראל:**

## א קאמפלעצירטע פראיעקט

**פאר** פרנסה בין איך עוסק צו ערלעדיגן פארשידענע פערמיטן און לעגאלע ערלויבענישן פאר גרויסע פראיעקטן וואס ווערן געבויעט אין ארץ ישראל, אלס אן אדוואקאט איז מיר אויסגעקומען אין די לעצטע יארן צו זיין אריינגעמישט און אסאך פראמינענטע פראיעקטן וואס ווערן געבויעט איבערן לאנד, וואס יעדע פראיעקט פאר זיך איז א באזונדערע עבודה, וואס מען דארף אריינלייגן צאללאזע שעות פון שווערע ארבעט, ביז מען איז זוכה מיט סייעתא דשמיא צו פאראויס רוקן דעם פראיעקט.

**עס** איז פארשטענדליך אז ווען עס קומט צו סיי וואספארא גרויסע פראיעקט, פארמאגט עס צענדליגע פרטים וואס מוזן ווערן אויסגעארבעט כדי מען זאל בכלל האבן אויסזיכטן צו פאראויס גיין מיטן פלאן, איבערהויפט ווען עס קומט צו די לעגאלע אפטיילונג פאדערט זיך אז אלעס זאל קלאפן און זיין אויסגעהאלטן, און יעדע קלייניקייט קען צאמלייגן די פראיעקט פאר לאנגע יארן.

**מיט** א שטיק צייט צוריק איז אנגעקומען צו מיר א געוויסע פראיעקט, וואס האט געהאט אסאך קאמפלעצירטע און לעגאלע פראבלעמען, און ווער עס האט זיך נאר פראבירט אריינצומישן און ארויסהעלפן, האט נאך גאר א קורצע צייט געהויבן הענט, און זיך מייאש געווען פונעם פראיעקט.

**ווען** עס איז אנגעקומען צו מיין טישל, און מען האט מיר פארגעשלאגן דאס צו פארקויפן, האב איך באלד פארשטאנען אז איך שטיי דא פאר גאר א שווערע און קאמפלעצירטע ארבעט, אבער אויב וועל איך בס"ד קענען מצליח זיין דערמיט, וועט דאס זיין א אויסטערלישע הצלחה, וואס וועט ב"ה ברענגען זייער א גרויסע פארדינסט, און וועט גלייכצייטיג ברענגען גאר א גוטע רעפוטאציע פאר מיין ביזנעס וואס איך בין עוסק פאר פרנסה צו ערלעדיגן פערמיטן וכדומה.

**איך** האב אבער געוואוסט אז איך וועל דא מוזן טון עפעס וואס די פריערדיגע האבן נישט געטון, דעריבער האט איך באשלאסן אריינצונעמען מיט מיר דער הייליגער זרע שמשון זי"ע מיט זיין הייליגע הבטחה, וואס האט צוגעזאגט פאר די וואס לערנען זיין ספר אז מען וועט זוכה זיין צו זען 'בתים מלאים כל טוב', וואס דאס וועט מיר זיכער ביישטיין צו האבן סייעתא דשמיא און הצלחה.

**וועלנדיג** מאכן עפעס מער ווי געווענליך, האב איך באשטעלט א גרעסערע קוואנטום פון די ספרים 'זרע שמשון', און איך האב עס פארטיילט גענצליך אומזיסט פאר ידידים און גוטע פריינד וואס האבן זיך אונטערגענומען צו לערנען בקביעות אין דעם ספר.

**און** טאקע יענעם וואך וואס איך האב אנגעהויבן צו פארשפרייטן די ספרים, האב איך שוין אנגעהויבן צו זען עטוואס אן עפענונג אינעם פארפלאנטערטע פראיעקט, וואס דאס האט מיר געגעבן כח און חיזוק צו גיין ווייטער און ממשיך זיין מיט די עבודת הקודש.

**דערמיט** האב איך גענומען די קוראזש, איך האב אריינגעטאנצן אינעם פראיעקט, און מען האט אנגעהויבן מיט די שווערע ארבעט, פון אויסארבעטן און אויסשליכטן אלע פראבלעמען, און גלייכצייטיג האב איך כסדר באשטעלט נאך ספרים, און פארטיילט אין כוללים וכדו', און געטון ווי מער צו פארשפרייטן די הייליגע תורות פונעם זרע שמשון.

**עס** איז אריבער דריי יאר זינט איך האב אנגעפאנגן מיטן פראיעקט, און ב"ה איך קען אייך זאגן אז היינט צוטאג'ס שטייען שוין אלע בנינים, אלע דירות זענען פארדינגן, און ב"ה די פארדינסטן זענען אפילו בעסער ווי געראכטן.

**עפעס** וואס האט אויסגעזען כמעט אוממעגליך מיט א קנאפע דריי צוריק, איז היינט א ווירקליכן פאקט, און דורכאויס די גאנצע צייט, האב איך געשפירט ווי דער הייליגער זרע שמשון באגלייט מיר אויף טריט און שריט, און זיין הייליגן כח און הבטחה, האט געברענגט די סייעתא דשמיא, מען זאל קענען איבערגיין אלע קאמפליקאציע'ס און פראבלעמען, ביזן היינטיגן טאג בס"ד.

**אבער** פארשטייט זיך - לייגט צו מר. חיים אין א זייטיגע נאטיץ - אז מען דארף זיין זייער פארזיכטיג וואו מען טאנצט אריין, מען קען זיך נישט לערנען דערפון אז מען מעג מאכן אום-אחריות'דיגע באשלוסן, און זיך פארלאזן אויף א נס. איך פארצייל בלויז מיין פערזענליכע איבערלעבעניש וואס איך האב געהאט בזכות'ן צדיק, וואס איך שפיר פאר א חיוב צו מפרסם זיין די גרויסע פונעם צדיק און זיין הבטחה, און יעדער איינער קען זיך אפשאצן אין זיין מצב וואס מען מעג יא טון און וואס נישט, און לויט דאס פאסן אן אחריות'דיגע באשלוס.


**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**

צו באקומען דעם גליון וועכנטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

**וזכות הצדיק ודברי תורותו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו**

האיגוד העולמי להפצת תורת
זרע שמשון
מתוך הבטחת וברכת המחבר:
ועיניכם תראינה בנים בני בנים
כשתילי זיתים סביב לשלחנכם,
חכמים ונבונים, ובתים מלאים כל טוב,
גם עושר גם כבוד לא יסופו מזרעכם,
זרע שמשון ע"ר 580624120